# גליון היכל הקודש

וועכענטליכע גליון ארויסגעגעבן דורך
מוסדות היכל הקודש ברסלב וויליאמסבורג
נתייסדה ע"י כ"ק מרן מוהרא"ש זי"ע

פרשת שמיני, כ"ח ניסן, מברכים חודש אייר, שנת תשפ"א לפ"ק
שנה 10, גליון 29 (494)


**זמנים (NYC)**
הדלקת הנרות.................**7:12**
מוצאי שב"ק.....................**8:43**

**שיעורים כסדרן**
נ"ך...........ישעיה ס"ו-ירמיה א'
בבלי...........................שקלים כ'
ירושלמי..............כתובות כ"ד
תוספתא.......................נגעים ב'
רמב"ם..........איסורי ביאה ט"ז

## אַ וָוארְט אוֹיף דִי פַּרְשָׁה

כֹּל אֲשֶׁר לוֹ סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת בַּמַּיִם בַּיַּמִּים וּבַנְּחָלִים אֹתָם תֹּאכֵלוּ, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהֵייסְן אַז פִּישׁ מֶעג מֶען עֶסְן נָאר אוֹיבּ עֶס הָאט "סְנַפִּיר - פְּלוּס פֶּעדֶערְן" וָואס מִיט דֶעם שְׁווִימְט עֶר, אוּן אוֹיךְ "קַשְׂקֶשֶׂת - **שׁוּפְּן**" וָואס זֶענֶען ווִי אַ פַּאנְצֶער אוֹיף זַיין גוּף.

מוֹהֲרָא"שׁ זָאגְט אַז דָאס קוּמְט אוּנְז מְרַמֵּז זַיין דָאס וָואס דֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א' סִימָן ו') אַז וֶוען אַ אִיד ווִיל תְּשׁוּבָה טוּן, עֶר ווִיל זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד, דַארְף עֶר זַיין "**בָּקִי בְּרָצוֹא וּבָקִי בְּשׁוֹב**", דָאס מֵיינְט אַז פוּן אֵיין זַייט דַארְף מֶען פְּרוּבִּירְן צוּ טוּן ווִי מֶער גוּטְס, אַרַיינְכַאפְּן ווִי מֶער תּוֹרָה וּמִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן זִיךְ צוּרִיק הַאלְטְן פוּן עֲבֵירוֹת. אָבֶער פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט מוּז מֶען זִיךְ זֵייעֶר שְׁטַארְקְן, אַז אֲפִילוּ עֶס גֵייט נִישְׁט ווִי מֶען ווִיל, אֲפִילוּ מֶען פַּאלְט דוּרְךְ אוּן מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט אוֹיפְגֶעפִירְט ווִי עֶס דַארְף צוּ זַיין, אוּן דֶער יֵצֶר הָרַע קוּמְט גְלַייךְ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ: "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְד, דוּ וֶועסְט שׁוֹין מֶער נִישְׁט זַיין קַיין עֶרְלִיכֶער אִיד", טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּן אִים, "אִיךְ בִּין טַאקֶע דוּרְכְגֶעפַאלְן, אָבֶער דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט מִיר נָאךְ אַלְץ לִיבּ, עֶר וַוארְט נָאךְ אוֹיף מִיר, אִיךְ קֶען נָאךְ אַלְץ צוּרִיק קוּמֶען צוּ אִים. אִיךְ וֶועל מִיר אוֹיסְרֶעדְן דִי הַארְץ פַאר אִים, אִיךְ וֶועל תְּשׁוּבָה טוּן, אוּן אִיךְ בִּין שׁוֹין צוּרִיק בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דָאס קוּמְט אוּנְז דֶער פָּסוּק מְרַמֵּז זַיין, דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער וֶוערְן צוּגֶעגְלִיכְן צוּ דִי פִּישׁ, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (בְּרֵאשִׁית מ"ח, ט"ז) "**וְיִדְגּוּ לָרֹב בְּקֶרֶב הָאָרֶץ**", אוּן דִי אִידְן דַארְפְן שְׁווִימֶען אִין וַואסֶער, וָואס דָאס גֵייט אַרוֹיף אוֹיף דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (יְשַׁעְ' נה, א) "**הוֹי כָּל צָמֵא לְכוּ לַמַּיִם**", אוּן אוֹיךְ תְּפִלָּה וֶוערְט אָנְגֶערוּפְן וַואסֶער, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (אֵיכָה ב, יט) "**שִׁפְכִי כַמַּיִם לִבֵּךְ נֹכַח פְּנֵי ה'**", קוּמְט אוֹיס אַז אַ אִיד אִיז ווִי אַ פִּישׁ וָואס דַארְף שְׁווִימֶען אִין תּוֹרָה אוּן אִין תְּפִלָּה.

דֶער אִיד דַארְף אָבֶער הָאבְּן "סְנַפִּיר וְקַשְׂקֶשֶׂת", פוּן אֵיין זַייט "**סְנַפִּיר - פְּלוּס פֶּעדֶערְן**" צוּ קֶענֶען גוּט שְׁווִימֶען, צוּ קֶענֶען אַרַיינְכַאפְּן אַסַאךְ מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, אוּן פוּן דִי אַנְדֶערֶע זַייט דַארְף מֶען אוֹיךְ הָאבְּן, "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן**", דָאס מֵיינְט אַז מֶען דַארְף הָאבְּן אַ פַּאנְצֶער, זִיךְ נִישְׁט צוּ לָאזְן צוּבְּרֶעכְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע קֵיינְמָאל נִישְׁט, נִישְׁט קַיין חִילּוּק אִין וָואסֶערֶע מַצָּב מֶען גֶעפִינְט זִיךְ.

דִי גְמָרָא זָאגְט (נִדָּה נ"א:) אַז אוֹיבּ מֶען זֶעט אַז דִי פִּישׁ הָאט "**קַשְׂקֶשֶׂת - שׁוּפְּן**", אִיז זִיכֶער אַז עֶס הָאט "**סְנַפִּיר - פְּלוּס פֶּעדֶערְן**", דָאס אִיז מְרַמֵּז אַז דֶער עִיקָּר אִיז דֶער פַּאנְצֶער, דֶער עִיקָּר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר זֵייעֶר שְׁטַארְקְן אוּן נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן קַיין שׁוּם זַאךְ, אוּן אוֹיבּ מֶען שְׁטַארְקְט זִיךְ, וֶועט שׁוֹין דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הֶעלְפְן, אַז מֶען וֶועט זִיךְ צוּהֶערְן צוּ דִי צַדִּיקִים, וָואס לֶערְנֶען דֶעם וֶועג ווִי אַזוֹי צוּ שְׁווִימֶען אִין "יַם הַחָכְמָה" אוּן זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

(תּוֹךְ הַנַּחַל סְעוּדָה שְׁלִישִׁית, שְׁמִינִי, תשס"ט לפ"ק)

## מוֹהֲרָא"שׁ דֶערְצֵיילְט

### מְ'צֵיילְט סְפִירָה

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַרוֹיסְגֶענוּמֶען דִי אִידִישֶׁע קִינְדֶער פוּן מִצְרַיִם אוּם יוֹם טוֹב פֶּסַח, דִי אִידְן זֶענֶען גֶעוֶוען דֶעמָאלְט פַארְזִינְקֶען אִין דִי נֵיין אוּן פֶערְצִיג שַׁעֲרֵי טוּמְאָה, אוּן אִין דִי לֶעצְטֶע מִינוּט הָאט זֵיי דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַרוֹיסְגֶענוּמֶען פוּן מִצְרַיִם. אָבֶער זֵיי הָאבְּן נָאכְנִישְׁט גֶעקֶענְט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעצֵיילְט סְפִירָה זִיבְּן וָואכְן אוּן דֶערְנָאךְ הָאבְּן זֵיי מְקַבֵּל גֶעוֶוען דִי הֵיילִיגֶע תּוֹרָה.

דָאס אִיז אַ גֶעוַואלְדִיגֶע חִיזּוּק אוּן וֶועג-וַוייזֶער פַאר יֶעדְן אִיד, ווִי אַזוֹי אָנְצוּגֵיין אִין לֶעבְּן, יֶעדֶער אִיד ווִיל בֶּאֱמֶת זַיין וואוּיל אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, נָאר דֶער יֵצֶר הָרַע רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ צוּ טוּהן עֲבֵירוֹת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ פַאלְט דוּרְךְ, קוּמְט דֶער יֵצֶר הָרַע אוּן עֶר צוּבְּרֶעכְט

<<<<<<

## א גוטווארט

אֱמוּנָה אִיז שְׁטֶערְקֶער פוּן אַלְצְדִינְג; וֶוען מֶען הָאט אַ שְׁטַארְקֶע אֱמוּנָה - קֶען מֶען אַלֶעס דוּרְכְקוּמֶען. דֶער הֵיילִיגֶער בַּעַל שֵׁם טוֹב הָאט אוּנְז מְגַלֶּה גֶעוֶוען אַז מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה קֶען מֶען אַלֶעס דוּרְכְגֵיין. אַמָאל הָאט מֶען גֶעזֶען דֶעם הֵיילִיגְן בַּעַל שֵׁם טוֹב זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַרִיבֶּערְגֵיין דֶעם טַייךְ דִינֶעסְטֶער מִיטְ'ן גַארְטְל, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין אַרִיבֶּער דֶעם טַייךְ אָן קַיין מוֹפְתִים, נָאר מִיט אַ שְׁטַארְק אֱמוּנָה" (עַיֵּין דֶגֶל מַחֲנֵה אֶפְרַיִם פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, דִּבּוּר הַמַּתְחִיל 'עוֹד יֵשׁ לוֹמַר כִּי בְּמַקְלִי'; סֵפֶר נוֹצֵר חֶסֶד עַל מַסֶּכֶת אָבוֹת, פֶּרֶק ו אוֹת ח).

דֶערִיבֶּער בֶּעט אִיךְ דִיר זֵייעֶר, שְׁטַארְק זִיךְ מִיט אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; חַזֶר זִיךְ דִי פָּשׁוּטֶ'ע אֱמוּנָה: "אֵין עוֹד מִלְבַדּוֹ, עֶס אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַלֶעס אִיז עֶר אוּן עֶר אִיז אַלֶעס; דוֹמֵם, צוֹמֵחַ, חַי מְדַבֵּר אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אַלֵיינְס"; וֶועסְטוּ זֶען ווִי דוּ וֶועסְט אַלֶעס בֵּייקוּמֶען.

עֶס אִיז דָא אַזוֹיפִיל צָרוֹת אוֹיף דִי וֶועלְט, מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן אַרִיבֶּער אַזֶעלְכֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת, מֶען פְּרוּבִּירְט אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם נָאר וַוייל מֶען ווִיל זֶען אוֹיבּ מֶען וֶועט זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן, אוֹיבּ מֶען וֶועט בְּלַייבְּן מִיט דִי אֱמוּנָה.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה שְׁמִינִי תשפ"א)



דער מולד וועט זיין: מאנטאג צופרי 47 מינוט מיט 6 חלקים נאך 7

## אַ בְּרִיוו פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

# טְרַאכְט נִישְׁט פוּן צֶעבְּרֶעכְן דַיין שְׁטוּבּ

בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ

יוֹם ג' פַּרְשַׁת צַו, י' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

לִכְבוֹד מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער ... נֵרוֹ יָאִיר

וִויסְן זָאלְסְטוּ, אוֹיף דִי וֶועלְט פְּרוּבִּירְט מֶען אוֹיס יֶעדְן אֵיינֶעם; נִישְׁטָא קֵיינֶער אוֹיף דִי וֶועלְט וָואס הָאט נִישְׁט שְׁוֶוערֶע בִּיטֶערֶע נִסְיוֹנוֹת אוּן עַגְמַת נֶפֶשׁ. דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זֵייעֶר אַסַאךְ רֶעדְן פוּן דֶעם פְּרַט, גֶעגֶעבְּן מְשָׁלִים אוּן גֶעווִיזְן אוֹיף דִי אַלֶע וֶועמֶען מֶען אִיז מְקַנֵא - וִוי זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעפִילְט מִיט יִסוּרִים, יֶעדֶער אָן אוֹיסְנַאם (לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב', סִימָן קיט).

אִיךְ בֶּעט דִיר זֵייעֶר מַיין טַייעֶרער לִיבֶּער בְּרוּדֶער, זַיי מְקַבֵּל אוֹיף זִיךְ נִישְׁט צוּ וֶוערְן בַּאלֵיידִיגְט וֶוען דַיין וַוייבּ טְשֶׁעפֶּעט דִיר; וֶוער נִישְׁט בֵּייז אוֹיף אִיר, טְרַאכְט נִישְׁט דִי שְׁלֶעכְטֶע מַחְשָׁבוֹת פוּן צֶעבְּרֶעכְן דִי שְׁטוּבּ. טְרַאכְט אוּן זוּךְ אוֹיף אִין אִיר גוּטֶע נְקוּדוֹת. גֵיי אִין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרָ"אשׁ אוּן רֶבִּי נָתָן וָואס זֵיי הָאבְּן גֶעזָאגְט וֶוען עֶס אַרִיבֶּער אוֹיף זֵיי בִּיטֶערֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת: "עֶס אִיז נָאךְ מִיט גְרוֹיס חֲסָדִים"; זֵיי הָאבְּן שְׁטֶענְדִיג גֶעזוּכְט דָאס גוּטְס וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער טוּט.

גֶעדֶענְק וָואס מוֹהֲרָ"אשׁ הָאט אוּנְז דֶערְצֵיילְט, אֵיינְמָאל הָאט דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אַיינְגֶעדְרִימְלְט אוּן גֶע'חָלוֹמְ'ט וִוי עֶר אִיז אוֹיבְן אִין הִימְל אוּן מֶען פִירְט אִים אַרִיבֶּער דִי טִירְן פוּן גֵיהִנוֹם, עֶס הָאט אִים אָנְגֶעכַאפְּט אַ שְׁרֶעק אוּן עֶר הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן: "גֶעוַואלְד! רַאטֶעוֶועט! טְרָאגְט מִיר אַוֶועק פוּן דָא!" בִּיז עֶס אִיז גֶעקוּמֶען צוּ פְלִיעֶן אַ מַלְאָךְ אוּן אִים גֶעפְרֶעגְט: "זוּשָׁא, וָואס שְׁרֵייסְטוּ?" הָאט עֶר גֶעעֶנְטְפֶערְט: "אִיךְ צִיטֶער אוּן אִיךְ שְׁרֶעק זִיךְ פוּן דִי בִּיטֶערֶע שְׁטְרָאפְן וָואס קוּמֶען פָאר דָא אוֹיבְן אִין גֵיהִנוֹם", הָאט אִים דֶער מַלְאָךְ גֶעזָאגְט: "נֵיין זוּשָׁא, דָאס אִיז נִישְׁט פַאר דִיר, דוּ הָאסְט אַ וַוייבּ גֶעהֶענְדְל, דוּ קוּמְסְט אַלֶעס אָפּ אוּנְטְן".

מוֹהֲרָ"אשׁ פְלֶעגְט דֶערְצֵיילְן וָואס דֶער הֵיילִיגֶער צַדִיק רֶבִּי ר' זוּשָׁא פְלֶעגְט לַיידְן פוּן זַיין וַוייבּ גֶעהֶענְדְל; זִי פְלֶעגְט שְׁרֵייעֶן אוֹיף אִים, וֶוען זִי אִיז גֶעוָוארְן בְּרוֹגֶז הָאט זִי אִים גֶעזִידְלְט אוּן גֶעזָאגְט: "דוּ בִּיסְט דֶער עֶרְגְסְטֶער מֶענְטְשׁ פוּן דֶער וֶועלְט"; זִי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן צוּ שְׁפִּירְן וִוי עֶר אִיז דֶער עֶרְגְסְטֶער, עֶרְגֶער פוּן אִים אִיז נִישְׁטָא.

וֶוען דֶער צַדִיק רֶבִּי ר' זוּשָׁא זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ הָאט זִיךְ דֶערְוֶועקְט פוּנֶעם חָלוֹם הָאט עֶר גֶעזָאגְט צוּ זִיךְ: 'הַלְוַאי זָאל מַיין וַוייבּ גֶעהֶענְדְל שְׁרֵייעֶן נָאךְ אוֹיף מִיר; אוֹיבּ קוּם אִיךְ אָפּ מִיט דִי צַעַר דִי עוֹנְשִׁים פוּן גֵיהִנוֹם - אִיז מִיר דָאס כְּדַאי'.

טַייעֶרער בְּרוּדֶער, הַארְצִיגֶער חָבֵר, מַיין הַארְץ גֵייט אוֹיס פַאר דִיר; אִיךְ וֵויין מִיט דִיר. אִיךְ וֵוייס וָואס דוּ גֵייסְט אַלְץ אַרִיבֶּער, אִיךְ וֵוייס פּוּנְקְטְלִיךְ דַיינֶע לַיידְן, דָאךְ זָאג אִיךְ דִיר אַז עֶס אִיז אַלֶעס כְּדַאי. חַס וְשָׁלוֹם טְרַאכְטְן פוּן צֶעבְּרֶעכְן דַיין שְׁטוּבּ; וֶוען אִיךְ זָאג דִיר אוּן אִיךְ בִּין דִיר מְחַזֵק דוּ זָאלְסְט הִיטְן דַיין שָׁלוֹם בַּיִת - מֵיין נִישְׁט אַז אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וָואס דוּ גֵייסְט אַרִיבֶּער, אִיךְ וֵוייס זֵייעֶר גוּט, וַוייל אִיךְ הָאבּ דִיר זֵייעֶר לִיבּ, דוּ בִּיסְט בַּיי מִיר וִוי אַ קִינְד; דָאךְ בֶּעט אִיךְ דִיר, קוּק אוּן זוּךְ אִין אִיר נָאר גוּטְס אוּן וֶוען עֶס אִיז גָאר בִּיטֶער זָאלְסְטוּ גֵיין אִין אַ זַייט אוּן שְׁרֵייעֶן: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, עֶס אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער, אִיךְ קֶען נִישְׁט; מַיין וַוייבּ הֶערְט נִישְׁט אוֹיף מִיט אִירֶע טַעֲנוֹת, זִי הָאט נָאר טַעֲנוֹת, זִי הָאט נָאר חֶסְרוֹנוֹת אוֹיף מִיר; אִיךְ גֶעבּ אִיר אַלֶעס, אִיךְ רֶעד צוּ אִיר שֵׁיין אוּן אַז אִיךְ מַאךְ אַ קְלֵיינֶע טָעוּת - אִיז שׁוֹין עֶק וֶועלְט; הֶעלְף מִיר אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיךְ זָאל זִיךְ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן".

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"א)

>>>>>>

אִים "דוּ בִּיזְט שׁוֹין גָארְנִישְׁט וֶוערְט, דוּ וֶועסְט שׁוֹין קֵיינְמָאל נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין". אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ שְׁטַארְקְט זִיךְ אוּן עֶר קוּמְט נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, פְּרוּבִּירְט דֶער יֵצֶר הָרַע נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ, בִּיז עֶר אִיז לַיידֶער מַצְלִיחַ אַסַאךְ מָאל צוּ מְיַיאֵשׁ זַיין דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל אַוֶועקְגֵיין פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶערְפַאר קֶען מֶען נֶעמֶען אַ גְרוֹיסֶע חִיזוּק פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז אֲפִילוּ וֶוען דִי אִידְן זֶענֶען שׁוֹין אַרוֹיס פוּן מִצְרַיִם, זֶענֶען זֵיי נִישְׁט אָנְגֶעקוּמֶען גְלַייךְ צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, זֵיי הָאבְּן קוֹדֶם גֶעדַארְפְט דוּרְכְגֵיין דִי סְפִירָה טֶעג, אוּן דִי זֶעלְבֶּע אִיז בַּיי יֶעדְן אִיד, אֲפִילוּ וֶוען עֶר וִויל שׁוֹין אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין אֵייגֶענֶע מִצְרַיִם, עֶר מַאכְט אָפּ: "דָאס אִיז עֶס, פוּן יֶעצְט וֶועל אִיךְ שׁוֹין זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד". קוּמְט מֶען נָאכְנִישְׁט גְלַייךְ אָן דֶערְצוּ, עֶס דַארְף קוֹדֶם אַרִיבֶּער גֵיין אוֹיף אִים דִי סְפִירָה טֶעג, אֵיין טָאג "חֶסֶד שֶׁבִּגְבוּרָה", אֵיין טָאג "גְבוּרָה שֶׁבִּגְבוּרָה", דָאס מֵיינְט אַז יֶעדְן טָאג דְרֵייעֶן זִיךְ אַרִיבֶּער אוֹיפְן מֶענְטְשׁ אַלֶע מִינֵי מַצָבִים אוּן שְׁוֶועריקַייטְן בְּרוּחֲנִיוּת וּבְגַשְׁמִיוּת, אוּן וֶוען דֶער מֶענְטְשׁ הָאט שֵׂכֶל אוּן עֶר דֶערְהַאלְט זִיךְ. צוּרִיק צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן עֶר פְּרוּבִּירְט אַרַיינְצוּכַאפְּן וִויפִיל תּוֹרָה וּמִצְוֹת עֶר קֶען, וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף אָנְקוּמֶען צוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת צוּ קַבָּלַת הַתּוֹרָה, עֶר וֶועט בַּאקוּמֶען דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן זַיין אַן עֶרְלִיכֶער אִיד.

(קוּנְטְרֵס סְפִירַת הָעוֹמֶר)

### אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג

נָאךְ אַ וִויכְטִיגֶע זַאךְ לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, אַז פַאר מֶען גֵייט מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת, דַארְף מֶען קוֹדֶם צֵיילְן דִי טֶעג, דָאס לֶערְנְט אוּנְז אַז יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אַ וִויכְטִיגֶער טָאג, יֶעדְן טָאג קֶען מֶען גוּט אוֹיסְנִיצְן מִיט גוּטֶע זַאכְן.

דִי גְמָרָא זָאגְט (פְּסָחִים ד) "מִקְצַת הַיּוֹם כְּכֻלּוֹ", אַ חֵלֶק פוּנֶעם טָאג אִיז אַזוֹי וִוי אַ גַאנְצֶע טָאג, מְמֵילָא אֲפִילוּ וֶוען עֶס אִיז שׁוֹין אַרִיבֶּער גֶעגַאנְגֶען רוֹב טָאג, אוּן מֶען גֶעבְּט זִיךְ אַ קוּק אָן וִוי אַזוֹי דֶער טָאג אִיז אַרִיבֶּער מִיט גָארְנִישְׁט, טָאר מֶען נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אוֹיף דֶעם טָאג אוּן טְרַאכְטְן "דִי הַיינְטִיגֶע טָאג אִיז שׁוֹין דֶערְנָאךְ, מָארְגְן וֶועל אִיךְ פְּרוּבִּירְן אַרַיין צוּ כַאפְּן גוּטֶע זַאכְן, מָארְגְן וֶועל אִיךְ לֶערְנֶען, מָארְגְן וֶועל אִיךְ דַאוֶוענֶען", וַוייל אֲפִילוּ אוֹיבּ עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן נָאר עֶטְלִיכֶע מִינוּט פוּנֶעם טָאג, קֶען מֶען נָאךְ פַארֶעכְטְן דֶעם גַאנְצְן טָאג, אוֹיבּ וֶועט מֶען אוֹיסְנִיצְן דִי עֶטְלִיכֶע מִינוּט וָואס עֶס אִיז נָאךְ גֶעבְּלִיבְּן צוּ לֶערְנֶען אַבִּיסְל תּוֹרָה, צוּ טוּהְן עֶפֶּעס מִצְוֹת וּמַעֲשִׂים טוֹבִים, וֶועט מֶען מִיט דֶעם אוֹיפְהֵייבְּן דֶעם גַאנְצְן טָאג.

דָאס לֶערְנֶען מִיר פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, יֶעדֶער טָאג אִיז אַ גֶעצֵיילְטֶער טָאג, אוּן וֶוען מֶען וֶועט אָנְהֵייבְּן פוּן יֶעצְט אוֹיסְצוּנִיצְן יֶעדְן טָאג וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וֶועט מֶען קֶענֶען מְקַבֵּל זַיין דִי תּוֹרָה פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוּם יוֹם טוֹב שָׁבוּעוֹת.

(קוּנְטְרֵס יְמֵי הַסְּפִירָה)

### יֶעדֶער צֵיילְט פַאר זִיךְ אַלֵיין

חֲזַ"ל זָאגְן אוֹיפְן פָּסוּק וּסְפַרְתֶּם לָכֶם - לַעֲצְמְכֶם. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ דַארְף צֵיילְן סְפִירָה פַאר זִיךְ אַלֵיין. דָאס קוּמְט אוּנְז לֶערְנֶען אַז דִי אַלֶע הִתְחַזְקוּת וָואס מֶען קֶען אַרוֹיסְלֶערְנֶען פוּן דִי סְפִירָה טֶעג, דָאס אַלֶעס דַארְף מֶען טוּהְן פַאר זִיךְ אַלֵיין אוּן נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן.

אַזוֹי וִוי עֶס אִיז דָא אַ יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט אָפּ דֶעם מֶענְטְשׁ פוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אִיז דָא אַ פַארְקֶערְטֶע יֵצֶר הָרַע וָואס רֶעדְט צוּ דֶעם מֶענְטְשׁ אַז עֶר זָאל קוּקְן אוֹיף אַנְדֶערֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן אוּן זֶעהְן וִוי אַזוֹי דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט אַזַא שְׁטַארְקַייט אוּן בְּרֶען, אַז דֶער מֶענְטְשׁ זָאל בַּאקוּמֶען חֲלִישַׁת הַדַעַת פוּן דֶעם, "יֶענֶער אִיז אַזוֹי וואוֹיל אוּן גוּט, אוּן אִיךְ קֶען עֶס נִישְׁט בַּאוַוייזְן". אוֹיבְן אוֹיף זֶעהְט דָאס אוֹיס וִוי עֲנָוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ קְלֵיין אַז עֶר קֶען נִישְׁט אַזוֹי גוּט. אָבֶּער בֶּאֱמֶת אִיז דָאס גַאֲוָה, דֶער מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ גְרוֹיס אַז אִים פַּאסְט נִישְׁט צוּ דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף זַיין שְׁטַאפְּל וואוּ עֶר הַאלְט, עֶר וֶועט נָאר זַיין צוּפְרִידְן אוֹיבּ עֶר קֶען דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אַ שְׁטַאפְּל פּוּנְקְט וִוי זַיין חָבֵר. אָבֶּער דֶער אֱמֶת אִיז אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער לֵייגְט יֶעדְן מֶענְטְשׁ אַרַיין אִין אַן אַנְדֶערֶע מַצָב, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וִויל זֶעהְן וִוי אַזוֹי דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ שְׁטַארְקְן אוּן דִינֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן לוֹיט זַיין שְׁטַאפְּל אוּן לוֹיט זַיינֶע מֶעגְלִיכְקֵייטְן אוּן אוּמְשְׁטֶענְדְן. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אַ בַּאזוּנְדֶערֶע סָארְט נַחַת רוּחַ פוּן יֶעדְן אִיד בַּאזוּנְדֶער, אוּן מֶען טָאר קֵיינְמָאל נִישְׁט קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן, סַיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז עֶרְגֶער אוּן סַיי אוֹיף אֵיינֶעם וָואס אִיז בֶּעסֶער.

דֶערְפַאר טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט לָאזְן פוּנֶעם יֵצֶר הָרַע, אוּן קֵיינְמָאל נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פוּן אַ צְוֵוייטְן, שְׁטֶענְדִיג דַארְף מֶען קוּקְן נָאר אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, אוּן זֶען וָואס מֶען קֶען טוּן עֶפֶּעס אַ נַחַת רוּחַ פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

דֶער רֶבִּי זָאגְט אוֹיפְן פָּסוּק "אֶחָד הָיָה אַבְרָהָם" אַז אַבְרָהָם הָאט גֶעדִינְט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן מִיט דֶעם אַז עֶר אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער אַלֵיין, עֶר

<<<<<<

>>>>>>

הָאט נִישְׁט גֶעקוּקְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. און דָאס דַארְף יֶעדֶער אִיד נָאכְמַאכְן און נָאר קוּקְן אוֹיף זִיךְ אַלֵיין, און נִישְׁט וֶוערְן צוּבְּרָאכְן פון דֶעם וָואס מֶען זֶעהט אַז אַ צְוֵוייטֶער אִיז מֶער מַצְלִיחַ.

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט דִי מַעֲשֶׂה פוּנֶעם חָכָם מִיטְן תָּם, אַז דֶער תָּם אִיז גֶעוֶוען אַ שוּסְטֶער און עֶר פְלֶעגְט מַאכְן שִׁיךְ מִיט דְרֵיי עֶקְן, אָבֶער עֶר פְלֶעגְט זִיךְ זֵייעֶר פְרֵייעֶן מִיט דִי שִׁיךְ וָואס עֶר הָאט גֶעמַאכְט, עֶר פְלֶעגְט זֵייעֶר אוֹיסְלוֹיבְּן זַיינֶע שִׁיךְ אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר שֵׁיינֶע שִׁיךְ. וֶוען זַיין וַוייבּ הָאט אִים גֶעפְרֶעגְט אַז אוֹיבּ עֶר מַאכְט יָא אַזֶעלְכֶע שֵׁיינֶע שִׁיךְ, דַאן פַארְוָואס קֶען עֶר נִישְׁט בֶּעטְן דֶערְפַאר דִי זֶעלְבֶּע סַאךְ גֶעלְט וָואס דִי אַנְדֶערֶע שוּסְטֶערְס בֶּעטְן פַאר זֵייעֶרֶע שִׁיךְ? הָאט דֶער תָּם גֶעעֶנְטְפֶערְט: "וָואס הָאט דָאס מִיט מִיר? דָאס אִיז יֶענֶעמְ'ס מַעֲשֶׂה און דָאס אִיז מַיין מַעֲשֶׂה. און פַארְוָואס דַארְף אִיךְ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן? לָאמִיר אַלֵיין מַאכְן אַ חֶשְׁבּוֹן וִויפִיל הָאט מִיר גֶעקָאסְט צוּ מַאכְן דִי שִׁיךְ, און וִויפִיל אִיךְ פַארְדִין אוֹיף דֶעם, און מִיט דֶעם פְרֵיי אִיךְ זִיךְ, און עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט וִויפִיל אַ צְוֵוייטֶער מַאכְט אוֹיף זַיינֶע שִׁיךְ".

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי מַעֲשֶׂה, הָאט עֶר גֶעזָאגְט: "און אוֹיבּ דֶער דַאוֶועןנֶען אִיז נִישְׁט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין אִיז עֶס וִוי אַ שוּכֶעלֶע מִיט דְרֵיי עֶקְן". דָאס מֵיינְט אַז מִיר דַארְפְן פְּרוּבִּירְן צוּ גֵיין אִין דִי הֵיילִיגֶע וֶועגְן פון דֶעם תָּם, און אֲפִילוּ וֶוען דִי תּוֹרָה וּתְפִלָּה זֶענֶען נִישְׁט אַזוֹי הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, זָאל מֶען זִיךְ אָבֶער פְרֵייעֶן דֶערְמִיט. און אַנְשְׁטָאט צוּ קוּקְן אוֹיף אַ צְוֵוייטְן וָואס קֶען בֶּעסֶער, זָאל מֶען קוּקְן אוֹיף וָואס מֶען פַארְדִינְט אַלֵיין פון דִי גוּטֶע מַעֲשִׂים וָואס מֶען טוּט, און זִיךְ פְרֵייעֶן מִיט דֶעם, און דַאן וֶועט מֶען זוֹכֶה זַיין זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן און וֶוערְן נָאךְ בֶּעסֶער.

ווָאוֹיל אִיז דֶעם וָואס נוּצְט אוֹיס דִי הֵיילִיגֶע טֶעג פון סְפִירָה זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן אִין עֲבוֹדַת ה', וֶועט אִים זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

(לִיקוּטֵי הֲלָכוֹת, פֶּסַח, ה"ט אוֹת כ"ב)

# דִי לֶעבְּנְסְגֶעשִׁיכְטֶע פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן (קא)

**אִין קוּרְצְן פון פְרִיעֶר: דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי צִיעֶט זִיךְ אַרַיין אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.**

### שצב

נָאךְ שַׁבָּת הָאט דֶער רֶבִּי אַסַאךְ גֶערֶעדְט מִיט דִי בַּעֲלֵי בַּתִּים און דִי רָאשֵׁי הַקְּהִלָּה פון שְׁטָאט, אַז זֵיי זָאלְן אוֹיפְנֶעמֶען אַלְס רָב אִין שְׁטָאט זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי אַהֲרֹן, און דִי שְׁטָאטְ'ס לַייט הָאבְּן מַסְכִּים גֶעוֶוען דֶערְצוּ.

דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ, און הָאט גֶעזָאגְט, "נִישְׁט נָאר אִים דַארְף מֶען דַאנְקֶען וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן רָב בַּיי אוּנְז, נָאר אֲפִילוּ דִי פֶערְד וָואס בְּרֶענְגֶען אִים".

דֶער רֶבִּי הָאט שְׁפֶּעטֶער גֶעזָאגְט אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶע פון דִי דְרֵיי זַאכְן אִין זַיין לֶעבְּן וֶוען עֶר הָאט זִיךְ בַּאנוּצְט מִיט זְכוּת אָבוֹת, דָאס הֵייסְט אַז עֶר הָאט גֶע'פּוֹעֶלְ'ט מִיט דִי זְכוּתִים פון זַיינֶע אָבוֹת הַקְּדוֹשִׁים אַז זַיין תַּלְמִיד רֶבִּי אַהֲרֹן זָאל וֶוערְן רָב אִין שְׁטָאט בְּרֶסְלֶב.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט, "אִיךְ הָאבּ אִים גֶעגֶעבְּן אַ בִּירוּר הַמְדַמֶּה אִין פַּסְקְ'עֶנֶען שְׁאֵלוֹת", און עֶר הָאט גֶערֶעדְט זֵייעֶר גְרוֹיס פון אִים.

### שצג

וֶוען רֶבִּי אַהֲרֹן אִיז אָנְגֶעקוּמֶען דָארְט אִין שְׁטָאט, הָאט עֶר דָארְט גֶעמַאכְט אַסַאךְ גִיטִין און סִדּוּרֵי קִידוּשִׁין וְכוּ', אוֹיפְ'ן בַּאפֶעל פון הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן.

וַוייל סְ'אִיז גֶעוֶוען דָארְט אִין שְׁטָאט אַסַאךְ פְּסוּלִים, און אַסַאךְ וָואס הָאבְּן קֵיינְמָאל נִישְׁט גֶעהַאט קַיין גֶעהֶערִיגֶע קִידוּשִׁין וִוי עֶס דַארְף צוּ זַיין, וַוייל עֶס הָאבְּן דַאן גֶעוואוֹינְט אִין בְּרֶסְלֶב וְכוּ', און וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אָנְגֶעקוּמֶען אַהִין זֶענֶען זֵיי גְלַייךְ גֶעוָוארְן צוּגֶעצוֹיגְן צוּ אִים, און זֵיי הָאבְּן תְּשׁוּבָה גֶעטוּן.

### שצד

דֶעמָאלְט, אִין אָנְהוֹיבּ וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז אַרַיין קַיין בְּרֶסְלֶב, הָאט עֶר גֶעפְרֶעגְט אֵיינֶעם אוֹיבּ סְ'אִיז דָא דָארְט אִין שְׁטָאט אַ גוּטֶע פְלַאץ זִיךְ מִתְבּוֹדֵד צוּ זַיין, הָאט אִים יֶענֶער גֶעעֶנְטְפֶערְט אַז סְ'אִיז דָא אַ גְרוֹיסֶע הֵייל, סְ'אִיז אָבֶער אַבִּיסְל וַוייט פון שְׁטָאט. הָאט דֶער רֶבִּי אִים גֶעזָאגְט, "וַוייט? ! וִוי וַוייט אִיז פון מוֹיל בִּיז צוּם הָאֶרֶץ?", [וְוִי אֵיינֶער זָאגְט אַז מְ'קֶען שוֹין אָנְהוֹיבְּן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן פוּנֶעם עֶרְשְׁטְן טְרִיט וָואס לָאזְט זִיךְ אַרוֹיס אִין וֶועג בִּיז מְ'קוּמְט אָן אַהִין, און דִי זֶעלְבֶּע אוֹיפְ'ן צוּרִיק. וַוייל וֶועט עֶס גְלֵייבְּט בֶּאֱמֶת אַז סְ'אִיז גָארְנִישְׁט דָא אוֹיסֶער דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אִיז נִישְׁט שַׁיָּיךְ בַּיי אִים צוּ זָאגְן אַז אַ פְלַאץ אִיז וַוייט, וָואס אִיז שַׁיָּיךְ וַוייט, וִוי וַוייט אִיז דֶען דֶער מוֹיל פוּנֶעם הָאֶרֶץ, וְדוֹ"ק]. און דַאן אִיז דֶער מֶענְטְשׁ גֶעגַאנְגֶען מִיטְ'ן רֶבִּי'ן און אִים גֶעוִויזְן וואוּ דִי הֵייל גֶעפוּנְט זִיךְ.

דֶער רֶבִּי פְלֶעגְט זִיךְ טַאקֶע אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין אִין דֶעם הֵייל. [בַּיי אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ הָאט מֶען עֶס גֶערוּפְן "דֶעם רֶבִּינְ'ס הֵייל", און זֵיי פְלֶעגְן זִיךְ אוֹיךְ אַסַאךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין דָארְט].

פָארְזֶעצוּנְג קוּמְט אי"ה - גֶענוּמֶען פון סֵפֶר "פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק"

## שְׁאֵלוֹת וּתְשׁוּבוֹת בְּרֶסְלֶב



## וִוי אַזוֹי קֶען אִיךְ טוֹישְׁן מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת?

*שְׁאֵלָה:*

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

אִיךְ בִּין אַ צְוֶועלְף יֶערִיג אִינְגֶל, אִיךְ הֶער דִי דְרָשׁוֹת פוּנֶעם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א און דָאס הֶעלְפְט מִיר אַסַאךְ אִין לֶעבְּן.

אִיךְ דַארְף חִיזוּק אִין כִּיבּוּד אָב וָאֵם, אִיךְ טְרֶעף זִיךְ אַסַאךְ מָאל זִיךְ טַעֲנָה'ן און קְרִיגְן מִיט מַיינֶע עֶלְטֶערְן, און זִיךְ פִירְן צוּ זֵיי מִיט חוּצְפָּה. אוֹיךְ אִיז מִיר שְׁוֶוער זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט מַיינֶע גֶעשְׁוִויסְטֶער, אִיךְ קְרִיג זִיךְ מִיט זֵיי יֶעדְן טָאג, און אִיךְ הָאבּ הֲנָאָה זֵיי צוּ טְשֶׁעפֶּען, אִיךְ וֵוייס נִישְׁט פַארְוָואס, אָבֶער אִיךְ הָאבּ לִיבּ זֵיי צוּ מַאכְן וֵויינֶען.

אוֹיךְ הָאבּ אִיךְ אַ פְּרָאבְּלֶעם אַז סְ'אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער צוּ נֶעמֶען אַחְרָיוּת אוֹיף אַ טָעוּת וָואס אִיךְ הָאבּ גֶעמַאכְט, אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשׁ וַוארְפְן דִי שוּלְד אוֹיף יֶעדְן אֵיינֶעם אוֹיסֶער אוֹיף מִיר.

אוֹיךְ אִיז מִיר זֵייעֶר שְׁוֶוער זִיךְ צוּ לָאזְן הֶעלְפְן, אֶפְשָׁר וָואלְט אִיךְ גֶעדַארְפְט הָאבְּן מֶעדֶעצִין מִיר צוּ בַּארוּאִיגְן אִיךְ זָאל זִיךְ פִירְן וִוי סְ'דַארְף צוּ זַיין, אִיךְ זָאל זַיין מֶער רוּאִיגֶער און נִישְׁט אַזוֹי וִוילְד, אָבֶער אִיךְ וִויל נִישְׁט נֶעמֶען קַיין הִילְף.

אִיךְ וִויל זַיין ווָאוֹיל און גוּט, אִיךְ וִויל זַיין אַ צַדִּיק, אָבֶער אִיךְ פַארְלִיר זִיךְ שְׁנֶעל און אִיךְ וֵוייס נִישְׁט וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פון מַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוֹינְהֵייטְן. מַיינֶע עֶלְטֶערְן הָאבְּן פְּרוּבִּירְט צוּ הֶעלְפְן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן, אָבֶער מִיר הָאבְּן נִישְׁט גֶעטְרָאפְן קַיין וֶועג, דֶערִיבֶּער הָאבּ אִיךְ גֶעבֶּעטְן מַיינֶע עֶלְטֶערְן אוֹיבּ מִיר קֶענֶען שִׁיקְן אַ בְּרִיוו צוּם רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א, אֶפְשָׁר הָאט דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה אַן עֵצָה פַאר מִיר, חִיזוּק און הַדְרָכָה, אָדֶער אֶפְשָׁר אַ תְּפִלָּה צוּ זָאגְן, וַוייל אִיךְ וֶוער שוֹין בַּאלְד בַּר מִצְוָה, און סְ'אִיז נִישְׁט קַיין תַּכְלִית אַזוֹי אָנְצוּגֵיין. אִיךְ וִויל אָנְהוֹיבְּן אַ נַייעֶ לֶעבְּן אוֹיפְ'ן רִיכְטִיגְן וֶועג.

**אַ גְרוֹיסְן יְיַשֵּׁר כֹּחַ**

*תְּשׁוּבָה:*

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ**

יוֹם ב' פַּרְשַׁת צַו, ט' נִיסָן, שְׁנַת תשפ"א לִפְרָט קָטָן

**לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר**

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

עֶס אִיז גוּט דוּ זָאלְסְט זִיךְ קוֹבֵעַ זַיין אַ שִׁיעוּר צוּ לֶערְנֶען דֶעם סֵפֶר "שִׁבְחֵי הָרַ"ן", דֶעם רֶבִּינְ'ס לֶעבְּן אִין דִי יוּנְגֶע יָארְן; דָאס וֶועט זַיין פַאר דִיר שְׁטַארְקֶע חִיזוּק, דוּ וֶועסְט זֶען צוּ וָואס מֶען קֶען צוּקוּמֶען דוּרְךְ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן; מֶען קֶען אוֹיסְאַרְבֶּעטְן אַלֶע שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת דוּרְךְ הִתְבּוֹדְדוּת וּתְפִילָּה.

<<<<<<

BreslevCenter.com\answers

>>>>>>

דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט דִי אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס דוּ שְׁרַייבְּסְט אוּן נָאךְ אַסַאךְ מֶער פְּרָאבְּלֶעמֶען. עֶס אִיז שְׁוֶוער אַרָאפְּצוּשְׁרַייבְּן דִי אַלֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת וָואס דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אִיז אַלְץ אַרִיבֶּער; קוּק אַרַיין אִין שְׁבָחֵי הָרַ"ן (אוֹת יד), וִוי דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס עֶר הָאט גֶעוָואלְט טוּן אִיז אִים אָנְגֶעקוּמֶען זֵייעֶר שְׁוֶוער, צוּם בֵּיישְׁפִּיל עֶר הָאט נִישְׁט גֶעקֶענְט אַיינְזִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, דָאס אִיז אִים גֶעוֶוען פוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאכְן; מִיט דֶעם הָאט דֶער רֶבִּי זִיךְ גֶעצְוִוינְגֶען צוּ זִיצְן אוֹיף אֵיין פְּלַאץ לֶערְנֶען אוּן דַאוֶוענֶען, בִּיז עֶר הָאט צֶעבְּרָאכְן דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידָה.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי דֶערְצֵיילְט (שָׁם, אוֹת כב): "שֶׁמִּתְּחִלָּה הָיָה כַּעֲסָן גָּדוֹל מְאֹד מְאֹד", אִין אָנְהֵייבּ אִיז עֶר גֶעוֶוען זֵייעֶר אַ גְרוֹיסֶער כַּעֲסָן, בִּיז עֶר הָאט זוֹכֶה גֶעוֶוען זִיךְ אוֹיסְצוּאַרְבֶּעטְן עַד כְּדֵי כַּךְ צוּ וֶוערְן פוּנְקְט דָאס פַארְקֶערְטֶע פוּן אַ כַּעֲסָן, אֲפִילוּ מֶען וֶועט אִים טוּן אַלֶע שְׁלֶעכְטְס אִין דֶער וֶועלְט וֶועט עֶר נִישְׁט הָאבְּן קַיין שׁוּם פַּיינְטְשַׁאפְט אָדֶער קְפֵּידָה, "אַדְּרַבָּא, הָיָה אוֹהֲבוֹ וְלֹא הָיָה בְּלִבּוֹ עָלָיו כְּלָל", פַארְקֶערְט, עֶר וָואלְט אִים לִיבּ גֶעהַאט, עֶר וָואלְט נִישְׁט גֶעהַאט אִין הַארְץ אוֹיף יֶענֶעם קַיין שׁוּם שְׁלֶעכְטְס, "כִּי הָיָה רַק כֻּלּוֹ טוֹב מַמָּשׁ", וַוייל דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן אַ שְׁטִיק גוּטְס.

אַזוֹי אוֹיךְ הָאט דֶער רֶבִּי אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט תַּאֲוַת אֲכִילָה אוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע תַּאֲווֹת. דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (שָׁם, אוֹת טז) וֶוען עֶר הָאט גֶעהַאט זַיינֶע שְׁוֶוערֶע נִסְיוֹנוֹת אִיז עֶר גֶעוֶוען אִין אַ גְרוֹיסֶע סַכָּנָה, וָואס הָאט עֶר גֶעטוּן? "וְהָיָה צוֹעֵק לְהַשֵּׁם יִתְבָּרַךְ מְאֹד", עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, "עַד שֶׁזָּכָה לְהִתְגַּבֵּר עַל יִצְרוֹ וּלְהִנָּצֵל", בִּיז עֶר הָאט זִיךְ גֶעקֶענְט שְׁטַארְקְן אוֹיף זַיין יֵצֶר הָרַע אוּן וֶוערְן גֶערַאטֶעוֶועט, בִּיז עֶר הָאט זִיךְ אִינְגַאנְצְן אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט.

יֶעצְט אַז דוּ גֵייסְט שׁוֹין בַּר מִצְוָה הָאבְּן, זָאלְסְטוּ לֶערְנֶען אַסַאךְ 'שְׁבָחֵי הָרַ"ן' אוּן אוֹיךְ 'סֵפֶר פְּעֻלַּת הַצַּדִּיק' פוּן אוֹת כ"ח בִּיז קכ"א; דִי אוֹתִיּוֹת זֶענֶען אִין קוּרְצְן צַאמְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס יָארְן, פוּן דִי זֶעקְס יָאר - בִּיז וֶוען דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוָוארְן וָואס עֶר אִיז גֶעוָוארְן; אַלֶעס דוּרְךְ שְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן.

גֵיי אַבִּיסְל שְׁפַּאצִירְן יֶעדְן טָאג; זוּךְ אַ לֵיידִיגֶע פְּלַאץ, דָארְט זָאלְסְטוּ זִיךְ אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן. דֶערְצֵייל אִים וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר צוּ מְכַבֵּד זַיין דַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן וִוי שְׁוֶוער עֶס אִיז דִיר מוֹדֶה צוּ זַיין וֶוען דוּ הָאסְט עֶפֶּעס נִישְׁט גוּט גֶעטוּן; וֵויין צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, זָאג אִים: "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶּער אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין גוּט, אִיךְ וִויל אַזוֹי שְׁטַארְק זַיין וואוּיל; וָואס זָאל אִיךְ טוּן? דֶער יֵצֶר הָרַע לָאזְט מִיר נִישְׁט, עֶס אִיז מִיר בִּיטֶער שְׁוֶוער".

אַזוֹי זָאלְסְטוּ טוּן טָאג אַיין, טָאג אוֹיס - וֶועסְטוּ זֶען אַז דוּ וֶועסְט וֶוערְן אַ גְרוֹיסֶער צַדִּיק, דוּ וֶועסְט וֶוערְן גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין אַלֶע עִנְיָנִים.

(עֲצָתוֹ אֱמוּנָה צַו תשפ"א)

## נייעס אינערהאלב מוסדותינו הק׳

## געהויבענע יום טוב פסח מיט׳ן ראש ישיבה שליט"א

דעם יום טוב פסח האבן די איינוואוינער פון קרית ברסלב ליבערטי געהאט די זכיה זיך צו געפונען במחיצת פונעם ראש ישיבה שליט"א וואס האט געוויילט אין שטעטל א גאנץ יום טוב, און מחיה געווען דעם ציבור מיט די הערליכע שיעורים אין גמרא, און מיט די בארימטע שיעורי התחזקות, ווי אויך האט מען נהנה געווען במשך דעם יום טוב פון די ווארימע הארציגע תפלות וואס דער ראש ישיבה שליט"א האט גדאווענט פארן עמוד.

ערב פסח אינדערפרי איז פארגעקומען די מעמד זיכוי הפת פאר׳ן עירוב אין קרית ברסלב ליבערטיביים ראש ישיבה אינדערהיים, מיט די באטייליגונג פון די בודקים פונעם עירוב, וואס זענען זיך מוסר נפש א גאנץ יאר בודק צו זיין דעם עירוב, און גייען ארום יעדן ערב שבת זיכער צו מאכן אז דער עירוב איז כשר.

במשך דעם יום טוב האט דער ראש ישיבה שליט"א איינגעטיילט די תפלות צו דאווענען אין ביידע בתי מדרשים אין שטאט.

אין לויף פונעם יום טוב האט דער ראש ישיבה שליט"א אסאך גערעדט און פארגעלערנט און מחזק געווען אידישע קינדער, בעיקר מיט דעם "פה-סח", די אידן זענען געווען אין מצרים, געארבעט שווער און געליטן ביטערע צרות, ביז משה רבינו איז געקומען און זיי אויסגעלערנט צו רעדן און שרייען צום אייבערשטן, ווייל נאר דאס איז די איינציגסטע וועג ארויס פון אלע צרות, און אזוי האט ער זיי ארויסגענומען פון מצרים. און דאס דארפן מיר אויך טון היינט צו טאגס, אין סיי וועלכע צרה א מענטש איז נאר אריינגעפאלן, האט ער נאר איין אדרעס, זיך צו ווענדן צום אייבערשטן, זיך אויסרעדן צו אים דאס גאנצע הארץ, און אזוי וועט ער אויסגעלייזט ווערן פון אלע זיינע צרות און פראבלעמען.

אויך האט מען גערעדט ווי מ׳דארף זוכן די גוטע נקודות, דאנקען אסאך דעם אייבערשטן אויף אלע גוטע זאכן וואס ער געבט אונז, און אזוי ווערט די הארץ געעפנט און מ׳קען גרינגער רעדן און בעטן דעם אייבערשטן. ווען א איד געוואוינט זיך צו צו רעדן צום אייבערשטן האט ער א גליקליכע און געשמאקע לעבן ברוחניות ובגשמיות.

א לענגערע באריכט איבער׳ן הערליכן יום טוב אין שטעטל, קען מען ליינען אינעם גליון "קרית ברסלב בלעטל".

אויך אין אלע בתי מדרשים "היכל הקודש" אין אלע געגענטער, זענען די ארטיגע אידן זיך צוזאמגעקומען און גדאווענט אינאיינעם במשך דעם יום טוב, און זיך געשטארקט מיט די עצות און לימודים פון הייליגן רבי׳ן, וואס זענען מחי׳ און מחזק יעדן איד אין יעדן מצב.

**כאשר זכינו לסדר אותו כן נזכה לעשותו!**

***

## "ספרי ברסלב" ספרים געשעפט

די ספרים געשעפט "ספרי ברסלב", וואס געפונט זיך אין היכל הישיבה אין וויליאמסבורג, שטייט גרייט אייך צו באדינען מיט אלע ספרי ברסלב, אלע ספרים פון הייליגן רבי׳ן, פון רבי נתן, פון מוהרא"ש, און פון ראש ישיבה שליט"א, און אזוי ווייטער אלע ברסלב׳ע ספרים.

ווי אויך אלע שיעורים כסדרן, וואס ווערן געלערנט אין די ראמען פון היכל הקודש, קען מען באקומען אין הערליכע שיינע אויפלאגעס, ווי אויך מיט נקודות.

יעצט איז אריינגעקומען א פרישע שיפמענט פון ספרים וואס איז געווענליך נישטא צו באקומען אין אמעריקע, וכל הקודם זכה.

קומט ארויף אין ישיבה, און כאפט א בליק אויפ׳ן גרויסן אויסוואל, קויפט ספרים און זעצט אייך לערנען פלייסיג, וועט איר האבן א גוט לעבן.

פאר אלע אינפארמאציע איבער׳ן ספרים געשעפט, ווי אויך צו באקומען סיי וועלכע ספרים, רופט 347-578-4449.

**תורת חיים ואהבת חסד!**

## סימן טוב ומזל טוב

מו"ה **שבתי מארקוס** הי"ו

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

די מוסדות זענען שטארק מכיר טוב פאר ר׳ שבתי אויף די פילע כוחות וואס ער לייגט אריין שטענדיג ארויסצוהעלפן מיט אליס וואס מ׳דארף, ובפרט מיט׳ן צוזאמשטעלן די רענט פאר׳ן בנין הישיבה. זאל דער אייבערשטער העלפן אז די גרויסע זכותים זאלן אים ביישטיין, ער זאל זען פיל אידיש נחת געזונטערהייט, פרנסה בשפע, דורות ישרים ומבורכים, מיט סייעתא דשמיא

## אויסגעלייזט!

**זייט אויך פון די פילע גליקליכע וואס זענען ברוך ה׳ אויסגעלייזט געווארן פון זייערע צרות און פראבלעמען**

**קול ברסלב**

**212-444-9191**

**1, 2, 1, 7, 1, 113**


## עצתו אמונה

## ביי אייער טיר



סובסקרייבט אייך צו באקומען די "עצתו אמונה" יעדע וואך אויף די פאסט

פאר די ביליגע פרייז פון בלויז $2.99 א וואך

זייט אויך פון די גליקליכע וואס זענען זיך מחיה יעדע וואך מיט די פילע עצות און חיזוק אין לעבן

**718-387-2691 #3**

**subscribe@kerenhadfusa.org**

**קול ברסלב - שיעורים; חיזוק יומי; ניגונים; מעשיות פון תפלה; און נאך**

845-351-0910 / 212-444-9191

ארץ ישראל 0797040066 / ענגלאנד 03303502361 / קאנאדא 438-300-8080

צו באקומען דעם גליון אויף אימעיל **breslevcenter@gmail.com**

**קוואל פון חיזוק (פרויען) - שיעורים; מעשיות פון תפלה; רעספיס; און נאך**

845-351-9060 /212-444-9169

ארץ ישראל 0797040069 / ענגלאנד 03303502363/ קאנאדא 438-320-9090

חיזוק יומי אימעיל **chizikyomi@gmail.com/** טעלעפאן מעסידזשינג **347-630-2876**



הפצת הגליון בבארא פארק נתנדב לע"נ רבי יוסף ב"ר ישראל ע"ה. במאנסי ע"י מו"ה זושא פריעדמאן הי"ו